בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' בחקותי | ט"ו אייר | תשע"א | פסחים: נ"ז.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן – מיטוואך נאכט האט מרן רבינו שליט"א ארייננעשריבן אן אות לגומרה של תורה אינע'ם ספר תורה פון מוה"ר אברהם ישעי' קויפמאן הי"ו פון קרית יואל, בביתו נאוה קודש.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן מוה"ר יוסף דוד מיטעלמאן הי"ו פון בארא פארק, און הב' בן מוה"ר אברהם גוטמאן הי"ו פון וויליאמסבורג.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א פארגעלערנט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים ווי דערביי האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש – דברי פתיחת הזמן פאר די בחורים.

❧•❧

נאכמיטאג איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום שטוב פון מוה"ר יודא שטיינמעץ הי"ו ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לנכדו בן הנולד לבנו ר' אלי' הי"ו.

אצינד ווערט געמאכט די לעצטע נויטיגע הכנות צום יו"ט ל"ג בעומר הבעל"ט בצל הקודש.

אין קרית יואל האבן די עסקנים אויסגעשטעלט דאס יאהר א ספעציעלן סדר – ווי שוין געמאלדן אין די מודעות – ווי עס ועלן פאהרקומען די ריקודין נאכדעם וואס מרן רבינו שליט"א, וועט מדליק זיין דעם מדורה.

אויך אין וויליאמסבורג לייגן עסקני קהלתינו הק' אריין גרויסע כוחות צו קענען אקאמאדירן דעם גרויסן ציבור בליעה"ר וואס וועלן זיך משתתף זיין ביים שלחן הטהור ביום ל"ג בעומר.

❧•❧

## הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א באזוכט אין ישיבת קנין תורה ד'סאטמאר אין מאנסי

אין די טעג וויילט הגאון דומ"ץ קרית יואל שליט"א אין מאנסי אויף אפרוה, און היינט האט דער דיין

שליט"א אפגעשטאהט א באזוך אין ישיבת קנין תורה ד'סאטמאר וועלכער שטייט בראשות הגה"צ אבד"ק דקהלתינו מאנסי שליט"א ווי דער דיין שליט"א האט געדאווענט מנחה און דערנאך אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר די בחורים.

❧•☙

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**